

# תורת יואל

גליון מס' 44

אידיש

מיוחד פאר פרחי התלמידים זיך צו באקענען מיטן רבי'נס הייליגע דיבורים

י.ז. הכהן: עורך

פ' מטות - מסעי תשפ"ה

## וידבר ד' אל משה לאמר, נקום נקמת בני ישראל וגו' אחר תאסף אל עמך. וידבר משה אל העם לאמר החלצו וגו'

רש"י: **אע"פ ששמע שמיתתו תלוי' בדבר, עשה בשמחה ולא איחר**, טייטש: משה האט געוואוסט אז נאך די מלחמה מיט די מדינים, גייט קומען זיין צייט צו שטארבן, ווייל ס'איז געקומען די צייט פאר די אידן אריינצוגיין אין ארץ ישראל, און משה רבינו האט נישט געטארט אריינגיין אין א"י דאך האט משה תיכף געטוהן דעם ציווי ד' אן זיך פארזוימען.

שטייט ווייטער אין פסוק, **וימסרו מאלפי ישראל** טייטש: מען האט געמוזט מיט כח שיקן די אידן אין מלחמה, פארוואס? זאגט רש"י, **להודיעך שבחן של רועי ישראל** דער פסוק דערציילט אונז די ליעבשאפט פון די **רועי ישראל** ביי די אידן, ביז איצט האבן משה געזאגט **עוד מעט וסקלוני**: איך האב מורא די פאלק וועט מיך פארשטיינערן, יעצט אז זיי האבן געהערט אז מיתת משה ווענדט זיך און די מלחמה, האבן זיי נישט געוואלט גיין, ביז מ'האט געמוזט מיט כח זיי שיקן צו די מלחמה

דער **של"ה הק'** פרעגט, רש"י זאגט **להודיע שבחן**, וואס איז דער שבח פון **עוד מעט וסקלוני**? דאס איז דאך לכאורה גארנישט קיין שבח ווען מען רעדט אזוי צו די מנהיגים.

דער **חת"ם סופר** פרעגט, אז די צווייטע העלפט רש"י, איז לכאורה א שבח אויף די אידן, אז זיי ווילן נישט גיין אין מלחמה, פארוואס זאגט רש"י להודיעך שבחן של **רועי ישראל**, רועי ישראל גייט דאך ארויף אויף משה רבינו נישט אויף די אידן.

דער רבי זי"ע פרעגט אויך אויף די רש"י, לכאורה די מענטשן וואס האבן געוואלט פארשטיינערן משה רבינו ביי די מי מריבה, איז זיכער געווען נאר די ערב רב, ווידעראום די וואס האבן נישט געוואלט גיין אין מלחמה זענען געווען צדיקים, ווייל מ'האט נישט געשיקט אין מלחמה נאר צדיקים גמורים, קומט אויס אז נישט די זעלבע וואס האבן געזאגט **עוד מעט**.... זענען די זעלבע מענטשן וואס מ'האט געמוזט שיקן אין מלחמה מיט כח, אויב אזוי פארוואס איז רש"י הק' כולל די צוויי גרופעס

דער רבי ברענגט צו א **רבינו יונה** אין מסכת אבות, **א כלל גדול:** אז יעדער מענטש וואס רעדט גוטס אויף אידן און אויף די חכמים, איז א חזקה אז ער איז אויך א צדיק, אבער דער מענטש וואס טרעפט אלץ עוולות אויף די מנהיגים אין די זעלבע צייט וועט ער יא טרעפן א לימוד זכות אויף רשעים, איז א חזקה אז ער האט אין זיך א **שמץ של רשעות** - א שמעק צו רשעות, במילא דארף מען אלץ גוט אין אכט נעמען ווער ס'רעדט, און אויף וועם ער רעדט.

מיט דעם איז דער רבי מסביר די פסוקים, רש"י זאגט **להודיעך שבחן של רועי ישראל** ווייל ווען מ'קוקט ווער זענען די וואס האבן געזאגט **עוד מעט**..... די ערב רב - די שוואכסטע פון כלל ישראל, און ווען מ'זעהט ווי אזוינע שפלים האבן פיינט משה רבינו, דאס איז דער גרעסטער שבח טאקע פאר די רועי ישראל, איז זייער גוט וואס רש"י זאגט **שבחן של רועי ישראל**.

און די וואס האבן געוואלט פארשטיינערן משה רבינו - פיהרט אויס דער רבי - האבן מסתמא אויך געוואלט פארשטיינערן די עהרליכע אידן וואס האבן נישט געוואלט גיין אין מלחמה צוליב מיתת משה, קומט אויס אז דאס נישט וועלן גיין אין מלחמה איז געווען פארבינדען מיט מסירת נפש, און דאס איז געווען זייער שבח, אין דאס פארשטייט מען נאר אויב מ'שמועסט אויס קודם די מעשה פון **עוד מעט**..... ווער ס'האט עס געזאגט, און פון וועם די עהרליכע אידן האבן געדארפט מורא האבן, און דאס איז אויך א שבח פאר די **רועי ישראל**, אז די עהרליכע אידן האבן געהאט מסירת נפש כדי צו פארלענגערן דאס לעבן פון משה רבינו.

# א בינטעל זכרונות (המשך)

**הרה"ח ר' דוד גדלי' פאגעל שליט"א (ד)**

ר' גדלי' איז געווען דער יד ימינו פון דעם ירושלימער רב זצ"ל, און אויך געווען נאנט מיט אסאך צדיקים פון דעם לעצטן דור, און ער איז מסביר אז ווי גרעסער א מענטש איז, פארשטייט ער מער די גרויסקייט פון אזא הייליגע קאליבער צדיק, ווי **רבינו הקדוש**.

הרה"צ רבי משה ארי' פריינד זצ"ל, איז געווען זייער גרויס, אין דאך איז ער געשטאנען מול רביה"ק **כעבדא קמי מרי'**, און דערציילט אז איינמאל בשעת א באזוך אין אמעריקא, האט רבי משה ארי' נאכגעזאגט פארן רבי'ן א **בני יששכר**, און רביה"ק פרעגט ווי שטייט דער בני יששכר? רבי משה ארי' האט גארנישט געענטפערט, ר' גדלי' פרעגט אים שפעטער, פארוואס האט דער רב נישט געענטפערט? רבי משה ארי' - קוקט מיך אזוי אן - און זאגט: "**ביסט נאריש**" איך זאל ענטפערן פארן צדיק הדור? איי דער רבי פרעגט, זיכער האט ער געהאט געהויבענע ענינים דערביי, אבער איך זאל ענטפערן?

אזוי אויך ווען רביה"ק איז געווען אין געווען אין א"י תשכ"ה, און אויפגענומען דעם ציבור אין די בניני זופניק, און רבי משה ארי' איז געקומען, מיט דעם איינעם ציהל, צו זעהן דעם רבי'ן, און ווי נאר דער רבי האט אים באמערקט שטיין ביי די טיהר, האט ער זיך געגעבן א שטעל אויף און צוגעגאנגען צו ר' משה ארי' איהר ווילט עפעס? רבי משה ארי' זאגט ניין ניין, נאר געקומען זעהן דעם רבי'ן

**אגב:** פארציילט ר' גדלי', די סאטמארע חסידים פון ירושלים וואס האבן נישט געקענט קומען קיין נ.י. (ס'איז נישט געווען קיין שיירות מציאות ווי היינט) פלעגן שיקן די קוויטלעך און זייערע בקשות מיט הרה"צ רבי משה ארי' זצ"ל - דאן דער ראש ישיבה - וואס פלעגט אפט קומען צו פארן צום רבי'ן, אבער רבי משה ארי' אליינס האט געהאט אזוינע פחד פארן רבי'ן, אז בשעת איבערגעבן די אלע קוויטלעך, האט א צווייטער געמוזט אויסהערן די תשובות וואס דער רבי ענטפערט, ווייל ער האט זיך נישט געקענט מצמצם זיין מרוב פחד.

**ימים נוראים תש"ל**, ר' גדלי' פארט קיין אמעריקע צום רבי'ן אויף די הייליגע טעג, דער וועג ווערט געמאכט מיט אן אפשטעל אין אנטווערפן, ר גדלי' נוצט אויס די געלעגנהייט אין גייט אריין מיט א קוויטל צו רבי איציק'ל זצ"ל, פשעווארסקער רבי, ווי נאר רבי איציק'ל הערט אז ער איז אויפן וועג צום סאטמארן רבי'ן וויל ער בשום אופן נישט נעמען דעם קוויטל, אין בייזערט זיך נאך "**דו פארסט צום צדיק הדור און מיר גיסטו א קוויטעל.**"

אויפן וועג אהיים פון נ.י. אויך מיט אן אפשטעל אין אנטווערפן, און פרובירט נאכאמאל אריינצוגיין צו רבי איציק'ל, איצט האט רבי איציק'ל זייער פריינטליך אים אויפגענומען, און ר' גדלי' דערציילט, אז ער האט אים אויפגעהאלטען קרוב צו א האלבע שעה, און פוקטליך אויסגעפרעגט ווי אזוי ס'איז דורך דער יו"ט ביים רבי'ן, ער האט געפרעגט מיט גרויס הערצה, און געוואלט וויסן יעדע דעטאל פון די תפילות, די טישן, וכדו', הערשט נאכדעם האט ער גענומען דעם קוויטל.

## יביעות קאלומן

מנהג | טעמו | ומקורו

### מנהג: שבת'דיגע בגדים (ג)

**ווען קען מען טוישן מוצ"ש?**

שטייט אין ספר חידושים ביאורים ופסקים למהר"ז בינגא (רבינו זעליקמאן מבינגא תלמיד מובהק למהרי"ל) ער באציהט זיך אויף א מסכת סופרים וואס שטייט אז מ'זאל מאכן קידוש לבנה נאר מוצ"ש **כשהוא מבושם ובגדיו נאים:** ווען ער האט נאך אן די שיינע קליידער, פון דא איז משמע אז מען זאל נישט טוישן קיין בגדים ביז מ'גייט ארויס פון ביהמ"ד.

דער מגן אברהם בשם האגודה וז"ל: ובאגודה כתב שילך בבגדי שבת עד מוצאי שבת **אחר הבדלה**.

מוצש"ק אין די ניין טעג, אזוי ווי די וואך, מעג מען בלייבן מיט די שבת'דיגע בגדים ביז נאך מלוה מלכה, אזוי אויך שבת חזון, וואס מיר חסידים טוישן די בגדים לכבוד שבת, מעג מען שוין פריע אין טאג, אפי' נאנט צו חצות, אזוי ווי מ'איז געוואוינט יעדע וואך.

המשך בשבוע הבא

פאר הערות רופט: 347.603.0383 • צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, שיקט אן אימעיל צו: toirasyoel@gmail.com